# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Nit Ken Mekubl, Dokh a Mistiker / Not a Kabbalist, Yet a Mystic

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/4nb501d5

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Heschel Klepfish, Heshil Klepfish /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

העשיל קלעפּפיש / פּאַנאַמאַ

# ניט קיין מקובל דאָך אַ מיסטיקער

איך האָב קיין מאָל נישט באַגעגנט אַברהם גאָלאָמב. אָבער איך האָב אים געלייענט מיט אינטערעס נאָך אין יענע יאָרן, ווען אין פּוילן האָט געלעבט דער פיל־מיליאָניקער יידישער קיבוץ. איך האָב נאָכגעפאָלגט זיין וועג, ווי אַ דערציער און דענקער, ווען ער איז ווי מיר אַלע פאַריאָגט געוואָרן אין דער פרעמד. איך האָב אַלע מאָל באַוווּנדערט אין אים זיין מוט צו שפּאַנען אַליין און צו אַנטוויקלען מיט אומגעוויינלעכער געוואַגטקייט זיינע אידעען. איך האָב נישט תמיד מסכים געווען מיט אים, אָבער איך בין מיטגעצויגן געוואָרן מיטן אימפּעט פון זיין שטורעם, מיט דער קלאָרקייט פון זיין וויזיע און מיט דער שאַרפקייט פון זיין אַרגומענט. די אויפריכטיקע זאָרג פאַרן קיום פון יידישקייט און דער גלויבן אין די אומצושטערבאַרע כוחות, וואָס פאָלסירן אין דער יידישער טראַדיציע און אין דעם אינגעוויד פון יידישן פאָלק, זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן צושטייער וואָס אַברהם גאָלאָמב האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן חינוך און אין יידישן שאַפן.

אַברהם גאָלאָמב איז נישט קיין מקובל. ער איז גראָד אַן אויסוווּקס פון די באַוועגונגען פון מאָדערנעם געדאַנק אין אונדזער געשיכטע. אָבער דאָך, ווען איך לייען גאָלאָמבן אָדער ווען איך פּרוּוו פאַר מיר אויסמאָלן זיין געשטאַלט, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך זע אים, ווי ער איז פאַרטאָן אין לייגן ציגל צו דעם טורעם פון דער יידישער מיסטיק, אַזוי ווי ער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מיטלאַלטערלעכן שפּאַניען אין גוואַדאַלאַכאַראַ אין די צייטן פון רבי משה דע לעאָן אָדער גאָר, ווי ער פאַרטיפט זיך מיט מוח און האַרץ אין די פּרקים פון תניא פון רבי שניאור זלמן פון ליאַדי. זייער וויכטיק שעפער און בויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור זיינען איבערגעצייגט אַזוי ווי ער, אַז אין יידיש לעבן, אַזוי ווי דאָס האָט זיך געשבירלט אין משך פון דורות, איז פּאַקטיש נישטאָ קיין פאַנאַנדערטייל אין אָפּגעזונדערטע תקופות, וואָרום יידישע געשיכטע איז אַן אומצורייסבאַרע קייט. און אַן אומצורייסבאַרע קייט איז אויך יידיש שאַפן. און דעם חותם פון אייביקייט טראָגט אין זיך יידישער לעבנס־שטייגער.

אמתאיז, אַז נאָך אין די פּסוקים פון חומש איז געזאָגט געוואָרן קלאָר און דייטלעך, אַז ביים באַרג סיני זיינען געשטאַנען נישט בלויז די בני ישראל, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אין יענע ווייטע, פאַרנעפּלטע צייטן אין מדבר, נאָר אַז צופוסנס פון „געטלעכן באַרג” האָט זיך געפילט אויך דער אָטעם פון אַלע שפּעטערדיקע דורות. אויך אין די בלעטער פון דער הגדה איז פאַרצייכנט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די גרויסע דראַמעס אין אונדזער געשיכטע האָבן נישט דווקא קיין שייכות מיט אַ באַשטימטער תקופה צי אַ באַשטימטער גרופּע, נאָר אַז זיי זיינען און דאַרפן פאַרבלייבן דער באַשטאַנדטייל פון פאָלק און זיין דערפאַרונג אין אַלע עפּאָכעס און אין אַלע ווינקלען פון זיין צעשפּרייטקייט. געבוי אַזוי זיינען אַ סך דינים און מנהגים, וואָס קענען זיך אונדז אויסדאַכטן צו זיין ביי, אינטערפּרעטירט געוואָרן אין דער יידישער טראַדיציע, ווי אינסטיטוציעס פון ווייטן פאַרצייטנס. אָבער מיטן לויף פון די יאָרן האָבן די אַלטע פּסוקים פון חומש צי די פּערזן פון דער פּסחדיקער הגדה אָנגעהויבן באַטראַכט צו ווערן, ווי אַפּאָריזמען, וואָס זיינען צו גאָרנישט מחייב, און וואָס האָבן מער נישט קיין אַקטועלע באַדייטונג פאַר דעם ייד אין דער נייער צייט.

אַברהם גאָלאָמב — און אין דער היבזיכט איז ער איינער פון די געציילטע אין אונדזער דור — נעמט אָן מיט דער גאַנצער ערנסקייט די ווערסיע פון די חכמי התלמוד, אַז יעדן טאָג גייט זיך פאַנאַנדער דער בת־קול פון אוראַלטער יידישקייט מיט אַן אימפּעט און מיט אַ כוח, וואָס ווערן קיין מאָל נישט שוואַכער.

נישטאָ קיין קעגנוואָרט אין ייִדישן וועג דורך דורות. עס איז פֿאַראַן בלויז אַן אומענדלעכער המשך. דער נעכטן און דער הייַנט זייַנען אין תּוך פֿאַרקייטלט אין אַן אומענדלעכן מאָרגן. „היום הזה“, „דער דאָזיקער טאָג“, דער באַגריף וואָס ווערט אַזוי פֿיל מאָל איבערגעחזרט אין אונדזערע אַלטע ספֿרים, האָט בעצם נישט צו טאָן מיט צייַט, וואָס איז פֿאַרגענגלעך, נאָר דריקט אויס דעם פּערמאַנענטן גייסטיקן אומרו פֿון פֿאָלק.

דער מוט פֿון אבֿרהם גאָלאָמב פֿאַרדינט נאָך שטאַרקער אונדזער אַנערקענונג ווען מען גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז גאָלאָמב פֿאַרטיידיקט די אידעע פֿון ייִדישער גאַנצקייט אין אַ צייַט, ווען עס איז גראָד מאָדיש צו ריידן וועגן „צעשפּאָלטענער פּסיכיק.״ טעאָריעס, וואָס זייַנען אייגנטלעך געבוירן געוואָרן אין פֿעלד פֿון דער פּסיכאָלאָגיע, זייַנען אַריבערגעפֿלאַנצט געוואָרן אויף אַ מעכאַנישן אופֿן אויפֿן באָדן פֿון ייִדישער גייסטיקייט.

נאָך קיין מאָל זייַנען אין אונדזער שאַפֿן נישט אונטערגעשטראָכן געוואָרן מיט אַזאַ שאַרפֿקייט די קאָנפֿליקטן און סתּירות צווישן אַמאָל און הייַנט, ווי אין די טעאָריעס, וואָס זייַנען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר.

אבֿרהם גאָלאָמב איז נישט מיטגעצויגן געוואָרן מיט די הערשנדיקע שטרעמונגען. נישט געקוקט אויף די וואָגלענישן, וואָס ער איז געווען געצוווּנגען אַדורכצומאַכן, און אויף די אַנטשיידנדיקע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אַרייַנגעשניטן אין זייַן לעבן, איז ער פֿאַרבליבן אַ פֿאַרגלויבטער אין דער שלימות און אין דער האַרמאָניע וואָס ייִדישע געשיכטע שטעלט מיט זיך פֿאָר. ייִדישער המשך, לאָזט זיך זאָגן, איז פֿאַר גאָלאָמבן אַ הלכה למשה מסיני. און סיי ייִדישע טראַדיציע, סיי ייִדישער לעבנס־שטייגער, זייַנען, בייַ דער פֿאַרשיידנקייט פֿון די אויסדרוקן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען, און בייַ דער רייַכקייט פֿון קאָלירן, מיט וועלכער זיי שימערירן, אַ דויערהאַפֿטיקע און דורך און דורך נאַטירלעכע גאַנצקייט.

וואָלט איך באַדאַרפֿט אָנשרייַבן אַ לייטמאָטיוו צום לעבן און שאַפֿן פֿון אַבֿרהם גאָלאָמב, וואָלט איך אויסגעקליבן פֿאַר דעם צוועק אַ שטעלע פֿון זוהר: „קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד“, גאָט, תּורה און ייִדיש פֿאָלק זייַנען איינס. אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן און נוסחאות האָט אבֿרהם גאָלאָמב פּאַקטיש איבערגעחזרט דאָס, וואָס ווערט געזאָגט אין דף ע״ג פֿון זוה״ק אויפֿן ספֿר ויקרא.

„זייַנען מיר יאָ געווען אַ מאָל — און דווקא אין גלות, איין פֿאָלק, איין אחד, ׳מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?׳ איין אחד און דער אחד פֿון פֿאָלק איז געווען ווידער אַן אחד צוזאַמען מיט גאָט. האָבן מיר איצט פֿאַרלאָרן אונדזער אחד.“ (גאָלאָמב)

**ווענן אַלע רעדאַקציע ענינים פֿון „חשבון“**

**זיך ווענדן צו:**

**SOL SCHLOSSER**

1108 South Clark Drive — Los Angeles, Calif. 90035